# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

358 | פרשת ויצא | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### תפילה איז ווי א לייטער און די כוונה איז ווי זיינע שטאפלען

**"וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ"** (כח יב)

**רבי אברהם אבן עזרא** ברענגט אין נאמען פון רבי ישועה: "דער 'סולם' איז א רמז - אז זיין תפלה איז אויף דעם ארויף, און די ישועה איז דארט אראפגעקומען פון הימל". נאך שרייבט דער **בעל הטורים**: "'סולם' איז בגימטריה 'קול' - דער קול פון די תפלה פון די צדיקים איז ווי א לייטער פאר די מלאכים ארויף צו גיין".

צו דעם האט צוגעלייגט **רבי עקיבא סופר**, פרעשבורגער רב, אז אין דער פסוק איז אויך מרומז א וויכטיגער יסוד אין תפילה:

כאטש רוב תפילות האט מען מתקן געווען פאר אונזערוועגן אין די בחי' פון: "סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה", ווייל זיי זענען תפילות אויף גשמיות'דיגע געברויכן. פון דעסוועגן: "וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה" - אויך אין די תפילות דארפן מיר אינזין האבן לשם שמים, ווייל דורך די גשמיות'דיגע השפעות וועלן מיר קענען דינען דעם אייבערשטן. ווען מיר וועלן אזוי טון, זענען מיר פארזיכערט: "וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ" - די מלאכים וועלן אראפקומען אננעמען אונזערע תפילות און עס דערלאנגען פאר השי"ת.

'דעת סופר'

### 'לחם - לאכול, ובגד - ללבוש'

**"וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ"** (כח כ)

פארוואס האט יעקב געדארפט עקסטער ארויסזאגן: "לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ", די ברויט און די קליידער האבן דען א אנדערע ציל?

ערקלערט **רבי מרדכי הכהן פון צפת**:

עס איז פארהאן אזעלעכע וואס זענען זוכה צו האבן ברויט בשפע און אסאך קליידער, אבער צוליב זייער קראנקייט האבן זיי נישט די מעגליכקייט הנאה צו האבן פון די שפע וואס זיי פארמאגן. דעריבער האט יעקב ערקלערט זיין געבעט: "לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ" - איך זאל האבן די מעגליכקייט הנאה האבן פון די ברויט און קליידער וואס איך וועל פארמאגן.

מיט דעם האט געטייטש **רבי משה חיים ליטש רוזנבוים** אב"ד קליינווארדיין דעם לשון וואס מיר זאגן ביי 'הרחמן' נאכן בענטשן: "הרחמן הוא ישלח **לנו** ברכה מרובה בבית הזה..."; מיר באגענוגן זיך נישט מיט דעם וואס די ברכה וועט הערשן 'בבית הזה', נאר מיר בעטן אז די ברכה זאל זיין 'לנו' - מיר זאלן קענען פון דעם הנאה האבן.

'שפתי כהן'; 'לחם רב' על סידור התפילה אות א' רנ

### א 'תפילה קצרה' - פארקורצערט די יארן

**"אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ"** (כח כ)

**האדמו"ר רבי אליעזר זאב פון קרעטשניף זאגט:**

די חכמים זאגן (ברכות יג ב): "כל המאריך ב'אחד' [ביי קריאת שמע] - מאריכין לו ימיו ושנותיו". ענליך צו דעם זאגן זיי (ברכות מז א): "כל המאריך ב'אמן' - מאריכין לו ימיו ושנותיו". און וויבאלד די חכמים האבן מתקן געווען אז דער וואס גייט אויפן וועג דאוונט א 'תפילה קצרה' (ברכות ג א), קומט אויס אז דער וואס גייט אויפן וועג דערלייגט די סגולה פון אריכות ימים וואס מ'איז זוכה אין זכות וואס מ'איז מאריך ביים דאווענען - ביי 'אחד' און ביי 'אמן'. אויף דעם איז מרמז דער פסוק אין תהילים (קב כד): "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי קִצַּר יָמָי" - דער וועג האט צוגעברענגט עס זאל פארקורצערט ווערן די יארן.

'עולמו של אבא' עמ' תלז

### אמן טוט אוועקקערן דעם צארן

**"אֶרְפָּא מְשׁוּבָתָם אֹהֲבֵם נְדָבָה כִּי שָׁב אַפִּי מִמֶּנּוּ"** (הפטרת ויצא - הושע יד ה)

**רבי יעקב אבוחצירא בעל 'אביר יעקב' זאגט:**

די ראשי תיבות: "'משובתם אהבם נדבה' איז 'אמן', אזוי אויך: "אפי" איז בגימטריה 'אמן'. דאס איז א רמז אז ענטפערן אמן טוט אוועקקערן דעם צארן פון די אידן, און הקדוש ברוך הוא איז מוחל זייערע זינד און נעמט זיי צוריק מיט א ליבשאפט.

'שערי תשובה' סי' כב

### 'ובחרת בחיים' דורך תפילה

**"וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה' עַל כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה"** (כט לה)

**רבי אברהם מרדכי** דער זוהן פונעם 'חידושי הרי"מ' האט אסאך יארן געליטן פון פארשידענע קראנקייטן. איינמאל ווען ער איז זייער קראנק געווארן האבן די דאקטורים געהאלטן אז פון די קראנקייט וועט ער זיך נישט ערהוילן. ווען זיין גרויסער פאטער איז אריין אים באזוכן און האט געזען וואו ער ליגט אויפן בעט בלאס און שוואך, האט ער זיך אראפגעבויגן און אריינגערוימט אין זיין אויער: "זאלסט וויסן מיין זון, אז דער 'רצון' צו לעבן איז א מצוה, און איך האב בקבלה אז דאס איז אריינגערעכנט אין די ציווי (דברים ל יט): 'ובחרת בחיים'. שטארק דיך מיין זוהן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועסטו געזונט ווערן פון דיין קראנקייט און וועסט אויך האבן א בן זכר".

ווי נאר זיין הייליגע פאטער איז ארויס פון צימער, האט רבי אברהם מרדכי זיך געשטארקט מיט איבער מענטשליכע כוחות, און אויפגעזעצט אויף זיין בעט און געדאוונט פון טיפן הארץ: "ריבונו של עולם, הייל מיך אויס און געב מיר א יונגל אזוי ווי מיין טאטע האט מיך געוואונטשן; איך נעם זיך אונטער אים א נאמען געבן 'יהודה', און מיט דעם וועל איך מקיים זיין וואס עס שטייט: "הפעם אודה את ה'".

די תפילה פון רבי אברהם מרדכי איז אנגענומען געווארן; אויף א וואונדערליכן אופן איז ער געזונט געווארן, און צום יאר איז אים געבוירן געווארן א זון, ונקרא שמו בישראל: "יהודה אריה לייב" - דער וואס איז אויסגעוואקסן דער באלייכטער פון די פולישע אידנטום, דער 'שפת אמת'.

יארן שפעטער האט דער 'שפת אמת' זיך אויסגעדרוקט: "מיין טאטע זצ"ל האט באשלאסן מיך א נאמען צו געבן 'יהודה', אלץ א שבח והודאה אויף דעם וואס איך בין געזונט געווארן פון די קראנקייט. און איך האב עס געשפירט אויף מיר, שטענדיג האב איך נישט געפילט א מידקייט פון צו לויבן דעם אייבערשטן".

'מאיר עיני הגולה' אותיות: שלב, שלג, שלז

**רבי שמואל הומינער** פון די נקיי הדעת אין ירושלים האט צוגעלייגט אויף דעם, לויט די ווערטער פונעם 'חידושי הרי"מ' אז עס איז דא א מצוה צו האבן א 'רצון' צום לעבן, קומט אויס אז ווען מיר דאווענען און בעטן אויף לעבן, אזוי ווי ביי 'מודים דרבנן' - "כן תחיינו ותקיימנו", צי ביי קדיש - "יהא שלמא... וחיים טובים עלינו ועל כל ישראל, ואמרו אמן", און עשרת ימי תשובה ווען מיר זאגן - "זכרנו לחיים...", איז מען מקיים די מצות עשה פון 'ובחרת בחיים'.

'עבד המלך' דברים ל יט

### למה גנבת את 'אלהי' - אפגעכאפטערהייט

**"וְעַתָּה הָלֹךְ הָלַכְתָּ כִּי נִכְסֹף נִכְסַפְתָּה לְבֵית אָבִיךָ לָמָּה גָנַבְתָּ אֶת אֱלֹהָי"** (לא ל)

ענדע 'ווינטער זמן' אין די פרעשבורגער ישיבה. נאך א לאנגע צייט וואס די בחורים האבן זיך אויפגעהאלטן אין ישיבה האבן זיי זיך געגרייט אהיים צו פארן. בעפאר זיי זענען ארויס אויפן וועג האבן זיי זיך געזעגנט פון זייער ראש ישיבה דער 'חתם סופר' און נאכדעם האבן זיי זיך געשטעלט דאווענען צוזאמען מנחה. די וועגענער האבן שוין געווארט אינדרויסן, און דער בחור וואס איז צוגעגאנגען צום עמוד, צוליב דעם וואס ער האט זיך געאיילט אהיים פארן האט געדאוונט שנעלער ווי געוועינליך.

נאכן דאווענען האט דער 'חתם סופר' גערופן דעם בעל תפילה און אים מוסר געזאגט בדרך מליצה: איך פארשטיי דיין געפיהל אז "נִכְסֹף נִכְסַפְתָּה לְבֵית אָבִיךָ", אבער: "לָמָּה גָנַבְתָּ אֶת אֱלֹהָי" - פארוואס האסטו שנעל אפגע'גנב'עט די ווערטער, און דורך דעם אונז אפגעהאלטן פון צו דאווענען פארן אייבערשטן מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין...?.

'תפארת בנים' [פון רב"י טוסיג] סי' יח



## בברכה שלימה ונאמר אמן

**זונטאג י"ג כסלו, איז די הונדערט'סטע יארצייט פון דער 'דברי ישראל' פון מאדזשיץ זי"ע. אזוי שרייבט דער בעל ההילולא איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן:**

ביים בענטשן זאגן מיר: "כן יברך אותנו בברכה שלימה ונאמר אמן", און אזוי קען מען עס טייטשן: דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן איז זוכה צו אלע ברכות און צו אלעס גוט'ס, וועגן דעם אויב ווילן מיר זוכה זיין אז דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן "בברכה שלימה" דארפן מיר מקפיד זיין אויף "ונאמר אמן".

'דברי ישראל' פרשת נח

**אמן**, איין ווארט, דריי אותיות, **א הויפן פון השפעות טובות.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## די ברכה 'מתיר אסורים'

### דער וואס שלאפט איז צוגעגלעכנט צו א ארעסטירטער

די ברכה 'מתיר אסורים' האט מען מתקן געווען לויט דעם לשון הפסוק (תהלים קמו ז): "ה' מתיר אסורים", אבער איר פשוטע באדייט איז נישט א לויב פאר איינער וואס איז געווען ארעסטירט אין ארעסט-הויז און מ'האט אים באפרייט, נאר עס איז א לויב פאר יעדן מענטש יעדן טאג עקסטער אויף דעם וואס ער איז אויפגעבינדן געווארן פון די שטריקן פון שלאף; וויבאלד ביים שלאפן קען נישט דער מענטש געוועלטיגן אויף זיינע גלידער זיי צו רוקן לויט זיין ווילן, און זיי זענען ווי געבינדן. דעריבער ביים אויפשטיין פון שלאף, ווען עס ווערט צוריק באנייט דער כח פון זיי רוקן לויט זיין ווילן, דארף ער לויבן אויף דעם.

בעפאר מ'לייגט זיך שלאפן זאגן מיר די ברכה: "המפיל **חבלי** שינה", און לויט דעם ווען מיר שטייען אויף לויבן מיר מיט די ברכה: "**מתיר** אסורים", אויף דעם וואס הקב"ה 'האט אויפגעבינדן' פון אונז די 'חבלי' שינה וואס מיר זענען געבינדן אין דעם ווען מיר זענען געשלאפן (פירוש התפלות והברכות לר"י בן יקר ח"ב עמ' יב).

אזוי שטייט אין 'ספר חסידים' (סי' קנה): "ווען דו עפנסט דיינע אויגן זאלסטו אריינטראכטן... וויאזוי א מענטש וואס גייט ארויס פון ארעסט-הויז דארף דאנקען הקב"ה, און עס איז נישט דא קיין גרעסערע איינגעשפארטער מער פון דער וואס שלאפט. דעריבער דארפסטו לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ביז יעצט האסטו נישט געהאט די מעגליכקייט, און נישט געקענט געוועלטיגן אויף דיין קערפער. לויב אים אויף יעדע גליד וואס איז געווען געבינדן, און האט זיי געעפנט זיי זאלן קענען טון זייערע געברויכן".

### א כלליות'דיגע לויב אויף די באוועגונג פון די גלידער

די ברכה 'מתיר אסורים' איז פאר אונז א געלעגנהייט זיך מתבונן זיין און דאנקען ה' יתברך, נישט נאר אויף דעם וואס ער האט באנייט די באוועגונג פון אונזערע גלידער יעדן אינדערפריה, נאר אויף דעם וואס מיר האבן באקומען דעם כח צו רירן שטענדיג אונזערע גלידער. ווייל אויב מיר וועלן אין דעם אריינטראכטן וועלן מיר אויפפאסן אז ליידער אסאך מענטשן האבן נישט די מעגליכקייט, און אויך ווען זיי וועקן זיך אויף פון זייער שלאף בלייבן זיי אין זייערע בעטן ווי צוגעבינדענע און קענען רירן די גלידער ('נפש שמשון' על סידור התפילה עמ' קכב).

רבי משה קורדובירו ('תומר דבורה' פ"א) האט צוגעלייגט א וואונדערליכע און א לעבנ'ס וויכטיגע פונקט: ווייל הקב"ה טוט באנייען יעדער מינוט דער כח צו קענען רירן די גלידער, דער וואס נוצט זיך חלילה מיט דער כח צו ווידערשפעניגן און זינדיגן פארן אייבערשטן - איז נישטא קיין גרעסערער פארשעמונג פון דעם! פון דעסוועגן זען מיר ווי גרויס איז השי"ת'ס גוט'סקייט און זיין ענוה אז ער געבט ווייטער אריין חיות אין אונזערע גלידער אויך אין די צייט וואס מ'זינדיגט, און טוט נישט מיט אונז אזוי ווי ער האט געטון מיט ירבעם בן נבט ווען ער האט געוואלט אויסשטרעקן זיין האנט שלעכט'ס טון דעם נביא וואס דער אייבערשטער האט געשיקט זאגן נביאות אויף די שטראף פון די עובדי ע"ז - איז זיין האנט געווארן הארט ווי א שטיין (ראה מלכים א' יג ד).

דער בעל 'סדר היום' ('ברכות השחר') ערקלערט אז די ברכה איז אויך אקעגן די רוחניות'דיגע מצב פונעם מענטש, דעריבער דארף מען אינזין האבן צו בעטן, אז השי"ת זאל אים ארויסנעמען פון די נעץ פון יצר הרע וואס וויל אים מכשיל זיין און אים אריינווארפן אין די עולם הזה'דיגע תאוות, און אזוי ווי דוד המלך האט געבעטן (תהלים קמב ח): "הוציאה ממסגר נפשי להודות את שמך" (ראה 'תורת המנחה' שמיני עצרת דרשה פו).

דא איז דער פלאץ צו דערמאנען די באקאנטע ליד פון רבי יהודה הלוי: "עבדי הזמן עבדי עבדים הם, עבד ה' הוא לבד חפשי, על כן בבקש כל אנוש חלקו, חלקי ה' אמרה נפשי".

> **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם מַתִּיר אֲסוּרִים** - אויף דעם וואס דו האסט אונז באפרייט פון די ארעסט ביים שלאפן ווען מיר האבן נישט געקענט געוועלטיגן אויף אונזערע גלידער אזוי ווי אונזער ווילן איז.
>
> **אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט צוריק באנייט דעם כח צו געוועלטיגן אויף די באוועגונג פון אונזערע גלידער.

## די ברכה זוקף כפופים

### פון 'מתיר אסורים' צו 'זוקף כפופים'

נאך וואס מיר האבן געלויבט הקב"ה ביי די ברכה 'מתיר אסורים' אויף דעם וואס ער האט אין אונז באנייט דער כח פון געוועלטיגן אויף אונזערע גלידער ווען מיר זענען אויפגעשטאנען פון שלאף, טון מיר פארענדיגן די לויב מיט די ברכה 'זוקף כפופים' ווי מיר לויבן אים אויף דעם וואס מ'קען זיך אויפשטעלן און אויסגלייכן נאך וואס ביים שלאפן איז אונזער קערפער געווען איינגעבויגן ('אבודרהם' השכמת הבוקר וברכות השחר).

די ברכה האט מען מתקן געווען געבויעט אויפן לשון הפסוק (תהלים קמו ח): "ה' זוקף כפופים". און עס זענען דא וואס זאגן אז עס איז געבויעט אויף דעם פסוק (שם קמה יד): "סומך ה' לכל הנופלים וזוקף לכל הכפופים" (פירושי סידור התפילה לרוקח אות ד). מ'דארף אנמערקן אז אין די פריערדיגע מקורות ווערט געברענגט נאך א ברכה וואס מ'האט מתקן געווען געבויעט אויף דעם פסוק: "ברוך... סומך נופלים", אבער די דעה איז נישט אנגענומען געווארן להלכה (ראה משנ"ב מו כג).

די חכמים זאגן א מענטש טאר נישט גיין מיט א אויפגעהויבענעם געשטעל, ווייל השי"ת איז "מלוא כל הארץ כבודו" (ישעיה ו ג), און דער וואס גייט מיט א אויפגעהויבענעם געשטעל זעט עס אויס ווי ער שטופט אוועק די שכינה (קידושין לא א; רש"י שם ד"ה מלא; שו"ע או"ח ב ו), דאך האט מען מתקן געווען צו זאגן די ברכה 'זוקף כפופים', ווייל הקב"ה האט אונז געגעבן די מעגליכקייט מיר זאלן קענען אויפהייבן אונזער געשטעל, אבער מיר פארמיידן זיך פון צו גיין אזוי צוליב דעם אייבערשטנ'ס כבוד ('אהל משה [לר"מ דונאט] אות מד).

### דער מענטש גייט מיט א אויפגעהויבענעם געשטעל

עס זענען דא וואס טייטשן אז ביי די ברכה 'זוקף כפופים' לויבן מיר אויף די באזונדערע מעלה וואס א מענטש איז מער פון די אנדערע בעלי חיים:

אין אנהויב ספר בראשית (א כו) שטייט אז בעפאר דער מענטש איז באשאפן געווארן האט דער אייבערשטער געזאגט פאר די מלאכים: "נעשה אדם בצלמנו כדמותנו". און טאקע אזוי, די בריאה פון דער מענטש איז אנדערשט פון אנדערע בעלי חיים, מיט דעם וואס ער גייט מיט א אויפגעהויבענעם געשטעל אזוי ווי די מלאכי השרת (ראה חגיגה טז א), דאקעגן אנדערע בעלי חיים וואס גייען איינגעבויגן אויף פיר. די סיבה אויף דעם איז ווייל דער מענטש האט א דערהויבענע נשמה וואס איז חצובה מתחת כסא הכבוד, דעריבער גלוסט זי שטענדיג אויפהייבן דעם קערפער וואס בייגט זיך מער צו די ערד, דער פלאץ פון וואו דארט איז ער גענומען געווארן, ווייל די נאטור פון יעדע זאך צו ווערן נאכגעשלעפט צו זיין שורש ('ספר הישר' לר"ת פ"א; 'צפנת פענח' [למהרימ"ט] בראשית).

אויף דעם גרויסן חסד וואס ווערט באנייט יעדן טאג ווען מיר שטייען אויף פון שלאף, אז השי"ת האט אונז דערהויבן פון די אנדערע בעלי חיים און אונז באשאפן מיט א אויפגעהויבענעם געשטעל, לויבן מיר ביי די ברכה 'זוקף כפופים' ('יפה ללב' סי' מו אות י).

דער פיאסעצנער רבי האט צוגעלייגט: "בשעת'ן זאגן די ברכה 'זוקף כפופים' קען מען אין די געדאנק צולייגן א געבעט: 'רבונו של עולם, איך בין איינגעבויגן, סיי אין עניני הגוף סיי אין עניני הנפש אונטער די עול פון די גשמיות און די סטרא אחרא, דו ביזסט דאך דער זוקף כפופים - העלף מיך איך זאל זיך קענען אויפשטעלן!'" ('דרך המלך' פר' בשלח).

> **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם זוֹקֵף כְּפוּפִים** - וואס דו האסט אויפגעהויבן מיין געשטעל וואס איז געווען איינגעבויגן ביים שלאפן.
>
> **אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט אונז ערמעגליכט אויפצוהייבן אונזער געשטעל ווען מיר זענען אויפגעשטאנען פון שלאף.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## 'ועלהו לא יבול'

יעדן טאג עקסטער ביי די ברכה 'והערב נא' דאווענען מיר אויף אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער עד סוף כל הדורות, זיי זאלן זיין פרום און ערליך, ליב האבן די תורה און לערנען בטהרה - די גאלדענע קייט וואס ציט זיך פון אונזערע עלטערן נאך פון די פריערדיגע דורות זאל זיך ווייטער ציען.

פאלגנד האבן מיר א וואונדערליכער ערציילונג וואס קען אונז לערנען די געוואלדיגע כח פון תפילה וואס קען ווירקן אויף דורי דורות, לבלתי ידח ממנו נדח, און אויף די השגחה העליונה וואס זארג אויף די נשמה פון יעדן איד, אויך ווען מ'איז שוין פארקראכן און זיך אוועק געגלישט אין לויף פון אסאך יארן, ברענגט אים די השגחה העליונה צוריק צו זיין אפשטאם און צו די אויסגעטרויטענע וועג.

די שטאט בני ברק, עיר התורה והחסידות, געפונט זיך אין הארץ פון די 'גוש דן' געגנט, ארומגענומען מיט פרייע שטעט פון אלע זייטן, ווי א שושנה בין החוחים. די איינוואוינער אין די גאסן וואס זענען אויף די בני ברק'ער גרעניצן, קענען גוט פילן די טיפע באדייט פון די ברכה 'המבדיל בין קודש לחול, בין אור לחושך'.

אזא איינער איז אונזער באקאנטער ר' משה, א חשובער און באליבטער יונגערמאן, וואס האט באשלאסן צו וואוינען אין אזא גאס, אין א געביידע מיט נאך עטליכע משפחות וואס היטן נישט ליידער תורה ומצוות. ר' משה וואס האט געהאט א ווארעם הארץ און א ספעציעלע פריינדליך פנים, האט געהאט א געפיל פון שליחות דורך זיין וואוינונג אין אזא ארט, ער איז זיך משתדל צו קוקן פריינדליך און שיין באגריסן זיינע שכנים, און פון מאל צו מאל אויך אריינווארפן צו זייער ריכטונג א אידיש ווארט וואס קען דערנענטערן די הערצער.

געווענליך, די שכנים ארום קוקן אויף ר' משה מיט שעצונג. אנדערשט פון אלע איז געווען יורם. דער יורם וואס אזוי זעט ער אויס ווי א קלוגער און א איינגענעמער מענטש, ווען עס האנדלט זיך וועגן אידישקייט איז אלעס פארקערט. יורם, אלץ א 'אינטעליגענטער' טיפ, האט חלילה נישט געטשעפעט ר' משה'ן, אבער ער האט אים שטענדיג ארויסגעוויזן א קאלטע באציאונג, ווי ער וואלט געווען 'לופט'...

אין אנהויב האט ר' משה זיך געוואלט פירן מיט אים לויט דער באקאנטער כלל: "דברים היוצאים מן הלב - נכנסים ללב", אבער עס זעט אויס אז דער כלל איז נישט געאייגנט אויף יורם. דער מענטש האט באשלאסן ארויסווייזן א פרעמדקייט צו יעדע זאך וואס איז פארבינדן מיט אידישקייט.

עס איז גרינג זיך פארשטעלן ווי גרויס איז געווען די איבערראשונג פון ר' משה ווען אין א העלן טאג האט יורם פון זיין זייט זיך געווענדן צו אים און געבעטן ער זאל אים אויסלערנען הלכות. ר' משה האט געריבן זיינע אויגן אומגלויבליך, אבער יורם האט נישט געוווארט אסאך: "איך האב באשלאסן תשובה צו טון..." - האט יורם געווארפן די 'באמבע', ווי עס וואלט זיך נישט געהאנדלט פון איינער וואס ביז יעצט האט ער ארויסגעוויזן א פרעמדקייט צו יעדע זאך וואס האט געשמעקט פון אידישקייט, "ביינאכט וועל איך קומען צו דיין הויז און איך וועל דיר אלעס דערציילן..." - האט ער צוגעזאגט.

ביינאכט האט יורם אנגעקלאפט אויף די טיר פון ר' משה'ס הויז, און דער ערציילונג וואס איז געווען אין זיין מויל איז געווען אומגלויבליך:

"פאר ארום צוויי וואכן האב איך זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע קיין אייראפא. איך האב געוואלט נאכגיין די אפשטאם פון מיין מאמע וואס האט איבערגעלאזט איר גאנצע פאמיליע אין די בלוטיגע פולין, און וועגן דעם האב איך זיך געווענדן צו א געוויסע ארגאניזאציע וואס האט אנגעפירט אזעלעכע סארט רייזע'ס און איך בין מיטגעפארן.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו די שטעטל וואו מיין מאמע איז געבוירן געווארן, איז שוין די התרגשות ארויסגערינען פון מיין הארץ. אין אנהויב האב איך געטראכט צו מיר אז עס האנדלט זיך פון א נאטורליכע געפיל פון א איניקל וואס גייט זיך 'באגעגענען' מיט די וועלט וואו זיין מאמע'ס פאמיליע איז אויפגעוואקסן געווארן. אבער אין יענע מינוט האב איך נישט געוואוסט וואס ווארט מיר נאך אפ.

איך האב שפאצירט מיט די גאנצע גרופע אין די גאסן פון די שטעטל, און פלוצלינג אין זיין גרייט פון פריער האבן מיינע אויגן אויפגעכאפט א אלטע געביידע וואס דער 'מגן דוד' וואס איז געווען אויסגעקריצט אויף זיין טיר האט קלאר געשטעלט אז עס רעדט זיך פון א שול. מיר זענען אריין אינעווייניג, ארומשפאצירט אין די היכל פון די שול, מיר האבן אנגעכאפט די אלטע מעבל און געבלעטערט די אלטע ספרים.

אינמיטן ארום גיין, אן צו וויסן פארוואס, האב איך זיך אפגעטיילט פון די גאנצע גרופע און כ'בין אליין ארויף אויף די האלצערנע טרעפ וואס פירן צו די ווייבער שול, איך האב געקוקט פון אויבן אראפ אויף די שול וואס די שיינקייט האט זיך נאך דערקענט אויף זיינע ווענט, און ווען כ'האב אויסגעדרייט מיין קאפ וועלנדיג צוריק אראפגיין, האב איך באמערקט א קליינע לייטער וואס האט געפירט צו די בוידעם.

פארזיכטיגערהייט בין איך ארויף געקראכן אויף די דאך, און איך בין איבערראשט געווארן צו טרעפן די פלאץ וואו דארט האט מען אוועקגעלייגט די אלטע ספרים וואס זענען שוין נישט געווען צום נוצן. טראץ עס איז נישט פאסיג געווען צו מיין נאטור, האב איך אנגעהויבן באטראכטן די בארג אלטע ספרים, ווען פון מאל צו מאל טו איך מישן אין זיי, זוכנדיג אינטערעסאנטע צייכנ'ס.

איך האב פארגעזעצט צו זוכן אין די בארג ספרים, און פלוצלינג האב איך גענומען אין האנט א אלטע און שווערע סידור, דער סידור איז שוין געווען אינגאנצן אלט און אפגעריבן, כמעט אומנוצליך, אבער עפעס אין מיר האט צוגעברענגט איך זאל ווייטער מישן און מישן. איך האב אויפגעקלעפט די 'שער בלאט' פון די דעקל, און זיך געפלאגט צו ליינען די אלטע צושפאלטענע אויפשריפט אויפן סידור, און פלוצלינג איז פון מיין מויל ארויס א געשריי...

אויף די אויבערשטע טייל פון דער 'שער בלאט' איז געווען אויפגעשריבן, נישט וויניגער און נישט מער, ווי דער נאמען פון מיין זיידע, דער טאטע פון מיין מאמע וואס האט געוואוינט אין די שטעטל ביז זיין לעצטן טאג.

איך האב געפילט אז איך גיי חלש'ן. כמעט יעדן טאג האט מיין מאמע גערעדט פון איר טאטע, מיין זיידע, זי האט נישט אויפגעהערט פון צו שילדערן פאר אונז זיין פרומקייט און אפגעהיטנקייט. דער זיידע איז נפטר געווארן בעפאר די קריג און אפילו א בילד איז נישט געבליבן ביי מיין מאמע אין האנט.

אין יענע מינוט זענען ארויפגעשווימען און ארויפגעקומען אקעגן מיינע אויגן די אלע ערציילונגען, און אין מיין הארץ האב איך אנגעהויבן צו פילן א געפיל פון בענקעניש צו עפעס וואס איך ווייס אפילו נישט וואס. איך האב ווייטער געמישט די בלעטער פון סידור מיט א געשמאק, און ווען איך בין אנגעקומען צו 'מוסף' פון 'ימים טובים' בין איך אויפגעשפרינגען. אויף די בלאט וואס דארט הייבט זיך אן די תפילה פון מוסף איז געווען א גרינע בלעטל, א בלעטל פון א הדס וואס האט אויסגעזען ווי עס וואלט יעצט אראפגעפאלן פון די ד' מינים פונעם געשעצטן זיידן, אינמיטן מקיים זיין די מצוה.

איך בין אינגאנצן פארלוירן געווארן. פלוצלינג האב איך פארשטאנען ווי ווייט איז פארבינדן אפהיטן תורה און מצוות מיט דעם וואס איך בין א איד, א 'בן אחר בן' ביז צו אברהם יצחק און יעקב. פלוצלינג האבן אריינגעדרינגען אין מיין הארץ די אלע ווערטער וואס דו האסט גערעדט צו מיר... די אלע בליצן וואס האבן געשיינט צו מיר אין לויף פון די אלע יארן האבן זיך מיטאמאל באהאפטן און געווארן ווי א פלאם וואס האט באלויכטן מיין הארץ און צוגעברענגט איך זאל אלעס אפלאזן און זיך צוריק קערן צו מיין זיידנ'ס הויז.

דער קליינער הדס בלעטל וואס איז אראפגעפאלן פונעם זיידנ'ס הדסים, און איז געטראפן געווארן אין זיין סידור וואו האט ער פארגאסן טרערן אויף זיינע אייניקלעך, אז עס זאל חלילה נישט אראפפאלן אפילו איין בלעטל פון זיין גרויסע פארצווייגטע בוים, האט יעצט צוגעברענגט איך זאל זיך צוריק קערן.

'לקראת שבת' סוכות תשפ"א

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע